הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (שמות)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | וכל אחד כפי מה שהוא |
| שני | ונודע כי הרע הוא |
| שלישי | ורבי מאיר יצא מזה |
| רביעי | ונודע שהמחשבה שבכל |
| חמישי | כי זה עיקר עבודתינו עד ד"ה וכן בכל השבע |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

# יחידהל

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת בהעלותך תשפ"ה / גליון קל"ח

0722 531 385

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אייראפע
033.0551.7811
ספעציעלע אפטיילונג מסודר
וועכנטליכע שיעורים
אויף נומער 3

## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# צווישן הימל און ערד

**עס איז געקומען די צייט צו גיין צום קומענדיגן שטאָק, צושאקלט מען דיר אביסל, כדי דו זאלסט אויפהייבן דיין פוס פונעם אונטערשטן טרעפל**

מרדכי יוסף איז א יונגערמאן וועלכער ארבעט שוין א האלבע יאר אויף 'עבודת התפלה'. ער שטייט אויף גאר פריה פארטאגס, ער האט א חברותא אין גמרא תוספות, דערנאך האט ער א שיעור אין חסיד'ישע ספרים, דערנאך שטעלט ער זיך דאווענען מיט א ליכטיגקייט און ווארעמקייט, ער שפירט א געשמאק דערין און עס דאווענט זיך ברוך השם. מרדכי יוסף שפירט ביי זיך, אז די זאך איז גוט אוועקגעשטעלט, א דאווענען איז א דאווענען, און אלץ פארט שוין אויף די ריכטיגע שינעס.

אבער פלוצלינג, אן קיין ווארענונג פון פריער, האבן זאכן אנגעהויבן אונטערצוהינקען... פלוצלינג האט זיך דער יצר הרע פארלייגט מיט א שרעקליכע מידקייט אין די פארטאגס שעה'ן, וועלכע לאזט אים נישט ארויסקומען פון בעט, זיין חברותא האט זיך אויך אפגעזאגט פון ממשיך זיין דעם שיעור, די חסיד'ישע ספרים האבן אויפגעהערט שיינען און לייכטן, ער פארשטייט עפעס נישט וואס זיי שרייבן, און דאס דאווענען זעלבסט איז געווארן א צייט פון קלאצן און חלום'ען...

מרדכי יוסף איז אינגאנצן צוטומלט: "וואס גייט דא פאר? איך מוטשע זיך שוין א האלב יאר, און איך האב געמיינט אז איך בין שוין ערגעץ אנגעקומען, און פלוצלינג רינט מיר אלעס ארויס פון צווישן די פינגער?! דאס הייסט, אז אלץ איז געווען בלויז דמיונות און חלומות? איך דארף פשוט אנהייבן אלעס פון אנהייב - כאילו לא היה?".

## דריי אייזערנע כללים

דער 'עבודת ישראל' אין אונזער סדרה, שיינט אויף א ליכטיגן בליק אויף דער סוגיא וועלכע רופט זיך 'נסיונות', 'נפילות' און 'ירידות' - בפרט אויב עס קומט נאך אן 'עליה'. (וואס ביי יעדן איינעם וועט דאס פאסירן אין זיין ענין - נאכדעם וואס ער האט געמיינט אז ער האט עס שוין קונה געווען אלס 'קנין', און דאן דערזעט ער זיך פלוצלינג מיט גאר שווערע נסיונות אין דעם ענין - וועלכע מאכן אים טראכטן אז ער האט נאך גארנישט מצליח געווען דערין, און ער פארלירט דעם חשק אנצוהייבן נאכאמאל ארבעטן פון אנהייב).

פון די ווערטער פונעם 'עבודת ישראל' שטעלן זיך ארויס דריי שטארקע כללים, וועלכע וועלן אונז איבערדרייען די 'נפילה' צו אן 'עליה':

"לְמִי שֶׁהַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא רוֹצֶה בּוֹ, מְנַסֵּהוּ בְּכַמָּה נִסְיוֹנוֹת אִם יַעֲמֹד בָּם, וְאָז אִם יִתְחַזֵּק וְיַעֲמֹד עַל מִשְׁמַרְתּוֹ, אָז יַעֲלֶה לְמַעֲלָה גְּדוֹלָה וְנִפְלָאָה. וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ בַּמִּדְרָשׁ: 'קַח אֶת הַלְוִיִּם' - וְזֶהוּ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'ה' צַדִּיק יִבְחָן' - אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֶת הָאָדָם לִשְׂרָרָה עַד שֶׁבּוֹחֵן וּבוֹדֵק אוֹתוֹ וְכוּ'. עַיֵּן שָׁם". קודם כל, שטעלט דער קאזניצער מגיד אוועק א יסודות'דיגן חידוש: 'נסיונות' איז בכלל נישט קיין סימן פון שוואכקייט אין אידישקייט, פארקערט, עס איז א סימן אז דו ביסט אינמיטן א פראצעדור פון גיין העכער! ווייל מען קען נישט גיין העכער - אן דורכגיין א נסיון! און וויבאלד דער אויבערשטער וויל דיר, און ער האלט דיר אינמיטן שענקען א העכערע מדרגה, דעריבער גיבט ער דיר א 'נסיון'!

דער 'עבודת ישראל' לייגט אראפ נאך א כלל - און איז עס מסביר מיט א שיינעם משל: "וְהִנֵּה בִּשְׁעַת הַנִּסָּיוֹן שֶׁהוּא יְרִידָה לְצֹרֶךְ עֲלִיָּה כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, הָעִנְיָן הוּא, כְּמוֹ הָעוֹלֶה בְּמַעֲלוֹת הַסֻּלָּם אֲשֶׁר מִדֵּי צָרִיךְ לַעֲלוֹת עַל הַשְּׁלִיב הַגָּבוֹהַּ - עוֹקֵר רֶגֶל אֶחָד מִשְּׁלִיב שֶׁתַּחְתָּיו, וְנִשְׁאָר עוֹמֵד כְּרֶגַע בְּרַגְלוֹ אַחַת עַל הַסֻּלָּם, וְרַגְלוֹ אַחַת בָּאֲוִיר, וְאָז צָרִיךְ הָאָדָם שְׁמִירָה וְהַבְחָנָה שֶׁלֹּא יִפֹּל חַס וְשָׁלוֹם. וְכֵן הָעִנְיָן הַזֶּה בַּעֲבוֹדַת ה' בִּשְׁעַת הַנִּסָּיוֹן, אַף עַל גַּב שֶׁיַּעֲלֶה אַחַר כָּךְ יוֹתֵר גָּבוֹהַּ, מִכָּל מָקוֹם בִּשְׁעַת הַנִּסָּיוֹן נִשְׁאַר עוֹמֵד כְּמוֹ עַל רֶגֶל אֶחָד". בשעת ווען דו גייסט ארויף אויפן צווייטן טרעפל - ביסטו נישט סטאביל! דו ביסט שוין נישט אויפן ערשטן טרעפל, אבער נאכנישט אנגעקומען צום צווייטן טרעפל, נאר דו ביסט אין דער לופטן, און טאמער פאלסטו יעצט אראפ - פאלסטו ביז אונטן! דער ציל איז טאקע צו גיין העכער, צום צווייטן טרעפל, אבער יעצט אויף דער מינוט ביסטו אין א סכנה פון דערלייגן אלעס! אויב דערלייגסטו - דערלייגסטו אויך דאס וואס דו האסט שוין פריער געהאט!

נו, וואס טוט מען אין אזא מצב? שטעלט דער 'עבודת ישראל' אראפ א דריטן כלל: "וְאָז צָרִיךְ שְׁמִירָה גְּדוֹלָה וְחִזּוּק, ה' יִשְׁמֹר לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בּוֹ". דו דארפסט זיך יעצט מער אפהיטן און שטארקן מיט אלע כוחות נישט אראפצופאלן פונעם לייטער! נישט צוריקפאלן צו וואו דו האסט געהאלטן - איידער דו האסט אנגעהויבן ארויפצוגיין אין עבודת ה'! אבער דער 'עבודת ישראל' שטרייכט אונטער, אז דיין אייגענעם חיזוק איז נישט גענוג! דו ביסט יעצט אין אזא גרויסע סכנה, אז דו קענסט זיך נישט אליינס אפהיטן, נאר דו מוזט האבן א שמירה פון אויבן! "וְזֶהוּ שֶׁאָמַר הַכָּתוּב 'וַיְהִי בִּנְסֹעַ הָאָרֹן', כְּלוֹמַר כְּשֶׁהַתַּלְמִיד חָכָם נוֹסֵעַ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן וּמִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, כִּי הַתַּלְמִיד חָכָם נִקְרָא אָרוֹן עַל שֵׁם הַלּוּחוֹת וְהַתּוֹרָה, 'וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה' - כְּלוֹמַר שֶׁהִתְפַּלֵּל עַל הַצַּדִּיקִים, 'קוּמָה ה'' - וֶהֱיֵה בְּעֶזְרָתָם שֶׁלֹּא יִפְּלוּ חַס וְשָׁלוֹם וְאַדְּרַבָּה יִתְחַזְּקוּ וְיַעֲלוּ יוֹתֵר וְיוֹתֵר. 'וְיָפֻצוּ אֹיְבֶיךָ וְיָנֻסוּ מְשַׂנְאֶיךָ' - כְּלוֹמַר שֶׁלֹּא יִהְיֶה אָז אֲחִיזָה לַחִיצוֹנִים בָּהֶם עַד יַעֲבֹר עַמְּךָ ה' אָמֵן".

**לאמיר צוזאמענעמען די דריי כללים:**

ערשטער כלל: פארשטיי, די אלע נפילות און צופאלנקייטן וואס דו גייסט יעצט דורך - איז נישט פשט, אז אלץ ביז אהער איז געווען א גרויסער 'דמיון', ניין! אלץ איז געווען זייער אמת'דיג! אבער עס איז געקומען די צייט זיך צו רוקן און גיין צום קומענדיגן שטאָק, און דעריבער צושאקלט מען דיר אביסל, כדי אז דורכדעם זאלסטו זיך געבן א רוק אויף פאראויס. דו זאלסט אויפהייבן דיין פוס פונעם אונטערשטן טרעפל - וואו דו האסט זיך באקוועם געמאכט, און פרובירן ארויפצוגיין אויפן קומענדיגן טרעפל.

צווייטער כלל: פארשטיי, דו גייסט יעצט דורך א שווערע צייט, וואס דו ביסט נישט סטאביל! דו ביסט אין א סכנה פון פארלירן אלץ וואס דו האסט שוין קונה געווען! דערפאר, שטארק זיך מיט אלע כוחות נישט צו פאלן ביי זיך! לאז זיך נישט נאך!

דריטער כלל: דו קענסט נישט אליינס, רוף הצלה! דו ביסט אין א מצב וועלכע פאדערט געוואלדיגע סייעתא דשמיא! נעם א תהלים'ל און בעט זיך ביים בורא כל עולמים, אז ער זאל דיר שטיין און אפהיטן א גאנצן צייט, ביז דו וועסט דורכגיין דעם איצטיגן דורכגאנג און אנקומען צו א סטאבילן מצב.

**וואס גייט דא פאר? איך מוטשע זיך שוין א האלב יאר, און איך האב געמיינט אז איך בין שוין ערגעץ אנגעקומען, און פלוצלינג רינט מיר אלעס ארויס פון צווישן די פינגער?!**

# איז טאקע נישטא קיין אנדערן מהלך?

**וועט איינער פרעגן:** פארוואס טאקע קען מען נישט ארויפגיין העכער - אן דורכגיין אזא מצב וואס מען שטייט אין דער לופטן און מען בלייבט מיט גארנישט אין דער האנט? וואס איז פשט?

**מען קען דאס מסביר זיין פון צוויי ווינקלען:**

ערשטנס: דער מענטש וועלכער האט זיך באקוועם געמאכט אין א געוויסע מדרגה און זיך צוגעוואוינט צו א געוויסער סארט לעבנ'ס שטייגער - האלט זיך נישט יעצט ביים אנשטרענגען צו גיין העכער און ווייטער. פארוואס דען יא? עס איז אים דאך זייער גוט! דעריבער איז נישטא קיין ברירה, נאר מען מוז צורודערן דאס וואס ער האט שוין! מען מוז אים מאכן אומבאקוועם, כדי ער זאל זיך אנהייבן רירן און זוכן וואס מען טוט דא און וויאזוי מען גייט ווייטער אין לעבן. און דייקא דורכדעם וואס ער וועט זיך אנהייבן צו מוטשען פונדאסניי אין עבודת ה' - וועט ער זוכה זיין צו גיין אסאך העכער ווי פריער, סיי נאטורליך - וויבאלד ער האט אריינגעלייגט א הארעוואניע פון פריש, און סיי סגולה'דיג - וויבאלד דער אויבערשטער זעט ווי ערנסט ער מיינט עס און ווי שטארק ער שטרענגט זיך אן דערפאר - אנטפלעקט זיך דער אויבערשטער צו אים.

צווייטנס: לויט ווי דער 'עבודת ישראל' איז מסביר, איז דער עיקר עבודה פון א איד בשעת'ן אראפפאלן - צו פארשטיין אז ער קען גארנישט אליינס! צו דערהערן, אז ער מוז זיך עכט בעטן ביים אויבערשטן. און אט דאס איז בעצם דער ציל

# שנאה מתוך אהבה

## וויאזוי דארף מען זיך באציען צו חברים וואס כ'שפיר אז זיי שלעפן מיר אראפ? • וויאזוי איז שייך צו ליב האבן און פיינט האבן אויף איינמאל?

**משפיע:** אברהם יצחק, ברוך ה' מ'זעט זיך. פון וואס גייט מען רעדן?

**אברהם יצחק:** כ'האב געטראכט אז מ'איז ממשיך צו רעדן אויף אהבת חברים...?

**משפיע:** כ'האב הנאה פון דיר, כ'זעה אז ווילסט באמת דורכטון די נושא. ס'איז נאך טאקע דא אפאר נקודות וואס מיר האבן נאכנישט אנגערירט.

**אברהם יצחק:** מיר האבן שוין אסאך גערעדט ווי וויכטיג מ'דארף האבן אהבת חברים, וואס ס'מיינט און וויאזוי מ'קומט אן דערצו. דער פראבלעם איז נאר - די מציאות. ס'זענען דא בחורים וואס כ'קען פשוט נישט ליב האבן! כ'בין זיכער אז כ'דארף זיי נישט ליב האבן.

**משפיע:** פארוואס ביסטו אזוי זיכער דערין?

**אברהם יצחק:** כ'מיין נישט קיין סאך בחורים. סך הכל איז דא איין בחור אין ישיבה, וואס כ'שפיר אז כ'דארף אוועקשטיין פון אים, און אוועקשטיין מיינט אז כ'רייס זיך אינגאנצן אפ

> צוויי מענטשן טוען די זעלבע עוולה, מיט דעם בין איך נאנט און מיטן אנדערן נישט, און דעם דארף איך פיינט האבן בשעת דעם אנדערן דארף איך מקרב זיין...?!

פון אים, כ'האב נישט קיין שום אהבה צו אים.

**משפיע:** כ'ווייס נישט וועלכער בחור דו מיינסט, אבער פארוואס זאגסטו אז דו דארפסט זיך דערווייטערן פון אים?

**אברהם יצחק:** קוק, כ'ווייס נישט וויאזוי עס צו מסביר זיין, אבער כ'מיין אז ווען דער משפיע וואלט גערעדט מיט אים, וואלט ער פארשטאנען אז כ'בין גערעכט. ווען מ'רעדט מיט אים שפירט מען א געוויסע 'קלות', א קאלטקייט און לויזקייט וואס ס'שלעפט אראפ... ס'איז מיר שווער עס אויפצואווייזן, אבער ס'איז א פאקט; ער ברענגט מיר אריין אלע סארט מושגים וואס כ'בין נישט געוואוינט דערצו - מילד גערעדט.

**משפיע:** מיינסט א בחור וואס יעדער ווייסט אז ער איז א קל דעת?

**אברהם יצחק:** בכלל נישט. גראדע הייסט ער גאנץ א פיינער בחור אין ישיבה. אבער כ'שפיר אז פאר מיר איז נישט גוט צו האבן א שייכות מיט אים. כ'בין אמאל געווען א חבר זיינ'ס, און כ'האב געשפירט אז ס'האט מיר געמאכט א ירידה.

**משפיע:** כ'האב הנאה פון דיין קלארקייט וואס ס'איז גוט פאר דיר און וואס נישט.

**אברהם יצחק:** ס'קומט זיכער אין זכות פון אונזערע שמועסן...

**משפיע:** יישר כח. ביסט גערעכט, מ'דארף זיך נישט מתחבר זיין מיט א בחור וואס האט א נעגאטיווע השפעה אויף דיר. האסט געטון די ריכטיגע זאך מיטן נישט זיין זיין חבר.

**אברהם יצחק:** אבער וואס איז טאקע פשט דערפון? מיר האבן אזויפיל גערעדט אז מ'דארף ליב האבן יעדן איינעם, אז יעדער איד איז א חלק אלוק ממעל, אז אלע אידישע נשמות זענען איין גרויסע זאך - און מצד די נשמות זענען מיר ממש איין מענטש, וואס די שפע רוחני קומט אן צו אונז צוזאמען. דאס גייט נישט אן ביי דעם בחור?

**משפיע:** אלעס איז אמת, און ס'איז נישט קיין סתירה מיט דעם וואס מ'דארף זיך צומאל דערווייטערן פון איינעם. ס'איז נישט נאר נישט קיין סתירה, נאר די ריחוק איז שייך דווקא ביי מענטשן מיט וועמען מיר זענען נאנט און האבן מער ליב ווי אנדערע - דווקא ביי זיי קען זיך צומאל מאכן א צורך, אז מ'דארף זיי מרחק זיין אויף אן אופן פון שנאה.

**אברהם יצחק:** וואס?! מ'דארף צומאל פיינט האבן די מענטשן וועמען מ'האט ליב...?

**משפיע:** דער בעל התניא איז עס מסביר. מיר האבן עס לעצטע מאל געלערנט צוזאמען, אין פרק לב, מיר זענען אנגעקומען ביז אינמיטן דעם פרק וואו ער איז מסביר די באדייט פון 'אהבת חברים' און ווי די גאנצע תורה ווענדט זיך דערין. אבער ווייטער אן שמועסט ער אויס, אז ס'איז דא א מצוה פון תוכחה און אפילו שנאה, אויף וועלכער מענטש ס'גייט אן און וויאזוי ס'דארף זיין. כ'מיין אז מיר זאלן עס צוזאמען לערנען אינעווייניג.

**אברהם יצחק:** אדרבא.

## טאקע ווייל ער איז א חבר

**משפיע:** דא האסטו, אינמיטן דעם פרק זאגט ער: "**וּמָה שֶׁאָמְרוּ בַּגְּמָרָא (פסחים קיג) שֶׁמִּי שֶׁרוֹאֶה בַּחֲבֵרוֹ שֶׁחָטָא מִצְוָה לִשְׂנֹאותוֹ... הַיְנוּ בַּחֲבֵרוֹ בְּתוֹרָה וּמִצְוֹת, וּכְבָר קִיֵּם בּוֹ מִצְוַת 'הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ' עִם שֶׁאִתְּךָ בְּתוֹרָה וּבְמִצְוֹת, וְאַף עַל פִּי כֵן לֹא שָׁב מֵחֶטְאוֹ כְּמוֹ שֶׁכָּתַב בְּסֵפֶר חֲרֵדִים (פרק לה אות כד)**".

וואס שטייט דא? די גמרא זאגט, אז צומאל איז דא א מצוה צו פיינט האבן געוויסע מענטשן - למשל ווען מ'זעט ווי ער טוט אן עבירה, און דער תניא איז מחדש, אז נישט יעדער אזא איינער דארף מען פיינט האבן, נאר דווקא ווען ער איז א חבר וואס דו קענסט אים מוכיח זיין, א בחור וואס הייסט "עמיתך" וואס חז"ל האבן גע'דרש'נט דערויף "עם שאתך בתורה ומצוות". דאס מיינט, ער איז נאנט צו דיר ברוחניות אויף א פארנעם אז ער קען מקבל זיין תוכחה פון דיר - זאגט דער תניא - דווקא אזא חבר וועמען דו קענסט און האסט שוין מוכיח געווען, און ער האט עס נישט געוואלט מקבל זיין, איז דא א מצוה צו מעורר זיין שנאה! ער ברענגט עס פונעם בעל ה'חרדים', רבי אלעזר אזכרי וואס איז געווען א תלמיד פון אריז"ל, דער מחבר פון 'ידיד נפש' און נאך הייליגע פיוטים, און ער שרייבט אז דאס גייט אן ווען דו האסט אים מוכיח געווען אויף א שיינעם אופן, און ער טוט נאך אלץ יענע עבירה.

**אברהם יצחק:** און אויב ס'איז סתם א בחור וואס כ'האב גארנישט מיט אים, און כ'זעה אז ער טוט אן עבירה?

**משפיע:** אויף דעם זאגט דער תניא ווייטער: "**אֲבָל מִי שֶׁאֵינוֹ חֲבֵרוֹ וְאֵינוֹ מְקוֹרָב אֶצְלוֹ, הִנֵּה עַל זֶה אָמַר הִלֵּל הַזָּקֵן 'הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה'**, [-דער תנא מיינט צו זאגן] **לוֹמַר שֶׁאַף הָרְחוֹקִים מִתּוֹרַת ה' וַעֲבוֹדָתוֹ... צָרִיךְ לְמָשְׁכָן בְּחַבְלֵי עֲבוֹתוֹת אַהֲבָה, וְכוּלֵּי הַאי וְאוּלַי יוּכַל לְקָרְבָן לַתּוֹרָה וַעֲבוֹדַת ה', וְהֵן לֹא** [-אפילו ווען ס'געלונגט נישט אים צו מקרב זיין צו עבודת ה'] **לֹא הִפְסִיד שְׂכַר מִצְוַת אַהֲבַת רֵעִים**".

ס'שטייט דא זייער קלאר אז מ'דארף ליב האבן יעדער איינציגער איד, ס'איז נישטא קיין היתר צו פיינט האבן קיינעם. פארקערט, מ'דארף מקרב זיין וועמען מ'קען האפנדיג אז דאס וועט זיי דערנענטערן צו עבודת ה', און אפילו ווען נישט, איז מען פארט מקיים מצוות אהבת רעים. אלעס וואס ס'שטייט אין די אויבנדערמאנטע גמרא, אז ס'איז א מצוה צו מרחק זיין און פיינט האבן אן עובר עבירה, איז נאר אזא איינער מיט וועמען מ'איז נאנט, מ'קען אים מוכיח זיין און ער איז עס נישט מקבל.

**אברהם יצחק:** כ'הייב נישט אן צו פארשטיין. דווקא ווייל ער איז מיין חבר, דארף איך אים פיינט האבן? צוויי מענטשן טוען די זעלבע עוולה, מיט דעם בין איך נאנט און מיטן אנדערן נישט, און דעם דארף איך פיינט האבן בשעת דעם אנדערן דארף איך מקרב זיין...?!

**משפיע:** דיין עצם קשיא איז מסביר פון וואספארא סארט 'שנאה' די גמרא רעדט. ס'איז נישט קיין אינערליכע שנאה וואס קומט פון דעם אז "כ'קען אים נישט פארטראגן", נאר ס'קומט פון אן אהבה, פון אן אחריות וואס כ'האב אויף אים, פון דעם אז כ'וויל באמת זיין הצלחה און ווען כ'זעה אז ס'גייט מיר נישט מיט קיין תוכחה - דארף איך אים ווייזן א ריחוק און אפילו שנאה, וואס דאס וועט אים מעגליך ערוועקן זיך אומצוקערן צום אויבערשטן. ס'איז נישט אבי קיין שנאה, נאר מיט א תועלת צו עבודת ה'.

ווען מיר האבן גערעדט אז דו דארפסט נישט זיין קיין חבר פון א בחור וואס האט א נעגאטיווע השפעה אויף דיר - האבן מיר דאס געמיינט. און פארשטייט זיך, אז דאס אלעס איז ווילאנג ס'האט א תועלת אין עבודת ה'; פאר דיר אדער פאר

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

פונעם גאנצן שוועריקייט, ווייל כדי אז די נייע מדרגה זאל טאקע זיין אן עכטע מדרגה, עס זאל טאקע ברענגען מיט זיך א טיפערן דביקות אינעם אויבערשטן - מוז עס קומען פון אויבן! און דאס געשעט דוקא דורכן פאלן און טראסקען, וואס נאר דעמאלט אנערקענסטו ענדליך, אז דו ביסט אנגעוואנדן אינעם אויבערשטן. דעמאלט הייבסטו אן צו אויפכאפן, אז אלס דיר אויס, קענסטו נישט אויפשטיין פארטאגס! אלס דיר אויס, קענסטו זיך נישט איינהאלטן פון רעדן בעפארן דאווענען! פון דיין זייט איז נישטא קיין פאסיגע חברותא מיט וועמען צו לערנען! און פון דיין אמת'ע פלאץ, איז דיין דאווענען צוזאמגעשטעלט פון אסאך קליינע אדער גרויסע שטיקלעך פונעם 'חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא'...

נאר וואס דען? וויאזוי קען מען פארט זיין אן ערליכער איד? וויאזוי קען מען פארט ארויפגיין אויפן לייטער פון 'עבודת התפלה'? נאר דורכדעם וואס דער אויבערשטער שטייט דיר צו הילף! ער טראגט דיר ארויף אויפן לייטער און האלט דיר דארט אן יעדע רגע - אז דו זאלסט נישט אראפטראסקען אלע טרעפ! איינמאל דו האסט דאס ריכטיג אויפגעכאפט - שרייסטו צום אויבערשטן, און ווען ער העלפט דיר - געדענקסטו אז אלץ איז בלויז פון אים און דו דאנקסט אים דערויף, און דעמאלט איז טאקע דער 'עליה' וואס דו ביסט זוכה, אן אמת'דיגע 'עליה'.

(פארהאן נאך א ביאור וואס ווערט גערעדט אין ספרים, אז כדי אנצוקומען צו א נייע מדרגה - מוז מען צוריקגיין צום 'שורש' פון אלע מדרגות; ווי מען רופט עס 'כח היולי', וואס אנצוקומען דארט מוז מען קודם פארלירן אלע אלטע מדרגות, פונקט ווי דער קערנדל הייבט אן וואקסן בלויז נאכן ווערן פארשימלט. אבער דא איז נישט דאס פלאץ מאריך צו זיין דערין).

הפצת הגליון
בק"ק וויען
נתנדב ע"י

אים.

**אברהם יצחק:** בקיצור, דער משפיע טענה'ט אז ס'איז דא א היתר צו פיינט האבן אן אנדערער ווען איך האב א תועלת דערפון אין עבודת ה'? ס'איז אפילו א מצוה?

**משפיע:** יא, אזוי שטייט אין תניא. אבער מ'דארף געדענקען אז אין אמת'ן איז דא אן אהבה פנימית, און די גאנצע ריחוק איז דווקא ווייל ער איז נאנט צו מיר און ער קען האבן א שלעכטע השפעה אויף מיר. אויב אזוי קומט אויס, אז צוזאמען מיט די מחשבות פון שנאה און ריחוק, דארף מען האבן מחשבות פון אהבה און רחמנות, ווייל ס'איז א שנאה וואס קומט דווקא מתוך אהבה!

**אברהם יצחק:** אוממעגליך, וויאזוי קען מען ליב האבן און פיינט האבן אויף איינמאל?!

**משפיע:** ס'איז נישט מיין חידוש, דער תניא אליינס זאגט ער ווייטער: "**וְגַם הַמְקֹרָבִים אֵלָיו וְהוֹכִיחָם וְלֹא שָׁבוּ מֵעֲוֹנוֹתֵיהֶם שֶׁמִּצְוָה לִשְׂנֹאותָם, מִצְוָה לְאַהֲבָם גַּם כֵּן, וּשְׁתֵּיהֶן הֵן אֱמֶת, שִׂנְאָה מִצַּד הָרַע שֶׁבָּהֶם, וְאַהֲבָה מִצַּד בְּחִינַת הַטּוֹב הַגָּנוּז שֶׁבָּהֶם שֶׁהוּא נִיצוֹץ אֱלֹקוּת שֶׁבְּתוֹכָם הַמְחַיֶּה נַפְשָׁם הָאֱלֹקִית**".

דאס איז דער יסוד וואס מיר האבן שוין אויסגעשמועסט, אז יעדער איד האט א חלק הטוב וואס איז א חלק אלוק ממעל - דאס איז דער עיקר 'מענטש', און דאס דארף מען זיכער ליב האבן. קומט אויס אז די גאנצע שנאה וואס כ'האב אויף יענעם איז נאר א שנאה חיצונית, כ'האב פיינט די רע וואס פארדעקט זיין אינערליכע חלק הטוב, און אפילו די שנאה איז נאר א שנאה וואס ברענגט א תועלת, אדער פאר מיר אדער פאר אים.

לאמיר געבן א ביישפיל; ווען מ'דערווייטערט זיך פון א חבר וואס איז אנגעשטעקט געווארן מיט א מסוכנ'דיגע 'באקטעריע', וואס כאפט זיך גרינג אריבער צו אנדערע מענטשן. פון איין זייט האב איך אים זייער ליב, אבער פון די אנדערע זייט שטיי איך אוועק און כ'היט זיך פון די שעדליכע באקטעריע וואס ער טראגט מיט זיך. האסטו דאביידע אויף איינמאל; אהבה - צוליב אים אליינס, און שנאה - צוליב די רע וואס האט זיך אנגעקלעבט אין אים.

**אברהם יצחק:** פשי, א ערליכע משל! זיך אפהיטן איז בכלל נישט קיין סתירה מיט אהבה.

## 'אהבה', 'שנאה' און אויך 'רחמנות'

**משפיע:** נאך מער. לאמיר אריינטראכטן אינעם משל; אויסער די געפילן פון אהבה און שנאה, קומט אויך ארויף געפילן פון רחמנות. טאקע ווייל דו האסט אן אהבה צו אים, האסטו אויך מורא'דיג שטארק רחמנות אויף אים צוליב דעם מצב אין וואס ער איז אריינגעפאלן. אויף דעם זאגט דער תניא ווייטער: "**וְגַם לְעוֹרֵר רַחֲמִים בְּלִבּוֹ עָלֶיהָ** [-דאס הייסט, אויף די ניצוץ הקדוש וואס ער האט אין זיך], **כִּי הִיא בִּבְחִינַת גָּלוּת בְּתוֹךְ הָרַע מִסִּטְרָא אַחֲרָא הַגּוֹבֵר עָלֶיהָ בִּרְשָׁעִים**". ווייל ס'איז א גרויסע רחמנות אויף א איד וואס איז אין גלות, אונטער די שליטה פון כוחות הרע. דער תניא זאגט ווייטער: "**וְהָרַחֲמָנוּת מְבַטֶּלֶת הַשִּׂנְאָה וּמְעוֹרֶרֶת הָאַהֲבָה**", דאס הייסט, די געפילן פון רחמנות מאכן זיכער אז די חיצוניות'דיגע ריחוק זאל נישט שאפן קיין פנימיות'דיגע שנאה, און אז די אינערליכע געפילן פון אהבה זאל בלייבן אויפן פלאץ.

**אברהם יצחק:** כ'דערמאן זיך יעצט אז ס'איז דא א תוספות וואס זאגט, אז מ'קען אנהייבן מיט 'שנאה של מצוה' און ס'ענדיגט זיך מיט 'שנאה אסורה'. כ'געדענקט נישט וואו ס'איז, אבער כ'געדענק אז איינער פון די מגיד שיעורים האט געמאכט מטעמים דערפון...

**משפיע:** יא יא, תוספות רעדט אויף די גמרא וואס דער תניא ברענגט. די גמרא רעדט אויפן פסוק "כי תראה חמור שונאך", אז אפילו א מענטש וועמען ס'איז א מצוה צו פיינט האבן, ווי געשמועסט, אז ער האט געטון אן עבירה, זאגט די גמרא, ס'איז דא א מצוה צו העלפן אזא שונא אלס 'כפיית יצרו', דאס הייסט, כדי צו מכניע זיין דער יצר הרע פון שנאה! פרעגט גלייך תוספות: ס'איז דאך דא א מצוה אים צו פיינט האבן, פארוואס דארף מען כופה זיין דעם יצר? ענטפערט תוספות, אז די שנאה קען גורם זיין א שנאה פנימית! צוערשט האט מען טאקע א שנאה של מצוה, אבער "כמים הפנים לפנים", דער צווייטער שפירט די שנאה און ער הייבט דיר אן צו צוריק פיינט האבן, און אזוי ארום ווערט סתם א שנאת חינם - און דאס טאר מען נישט צולאזן. דעריבער דארף מען כופה זיין דעם יצר, כדי נישט אנצוקומען צו דער שנאה חיצונית. ס'שטימט מיט וואס מיר האבן נארוואס געזען אין תניא, אז מ'דארף מעורר זיין רחמנות כדי נישט צו מבטל זיין די אהבה פנימית וואס מ'דארף האבן צו יענעם.

**אברהם יצחק:** און וואס איז מיט רשעים און אפיקורסים? מ'דארף זיי נאר פיינט האבן בחיצוניות?

**משפיע:** ממש נישט. מ'דארף זיי פיינט האבן ביזן סוף, אן קיין טראפ אהבה! אזויווי דער תניא ענדיגט צו: "**וְלֹא אָמַר דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם תַּכְלִית שִׂנְאָה שְׂנֵאתִים וְגוֹ', אֶלָּא עַל הַמִּינִים וְהָאַפִּיקוֹרְסִים שֶׁאֵין לָהֶם חֵלֶק בֵּאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל**", דאס הייסט, די מינים און אפיקורסים דארף מען פיינט האבן 'תכלית שנאה', ד.ה. בפה ובלב און נישט מעורר זיין קיין אהבה צו זיי. זיך אינגאנצן אפשיידן פון זיי. ס'קען זיין אז דאס איז פשט פונעם המשך הפסוק: "לאויבים היו לי", אז די שנאה דארף זיין אזוי שטארק, ביז אויך זיי וועלן עס שפירן און מיר צוריק פיינט האבן דערפאר - און דאס וועט מאכן אז די ריחוק און התבדלות זאל זיין ביזן סוף.

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**'תורה שבעל פה' מיינט, תורה וואס גייט ארויס פון ווער ס'איז בעל-הבית אויף זיין מויל.**

הרה"ק ה'חוזה מלובלין' זי"ע (אבני זכרון, תורה)

# ניטש פארשטאנען, יא פארבונדן

ער איז געווען דער גליקליכסטער מענטש אין גאנץ סאטמאר.

ווען ער וואלט נישט געווען קיין ביישן, וואלט ער אויסגעפלאצט אין א ריקוד אינמיטן דעם רבינ'ס בית המדרש, נאכדעם וואס די רביצין האט אים באאויפטראגט דעם תפקיד.

"ווי קליין איך בין, גיי איך זוכה זיין צו שאפן א הנאה פארן צדיק?" האט ער זיך געוואונדערט צו זיך, נישט גלייבנדיג זיין מזל, "דורך מיר גייט דער צדיק מקיים זיין דעם מנהג ישראל, צו באצירן דעם בית המדרש מיט בלומען און גראז!" די מחשבות האבן אים אינגאנצן איבערגענומען.

דער בחור'ל איז געווען א שעמעוודיג, אבער אויך געשיקט - טאקע דערפאר האט זיך די רביצין פארלאזט אויף אים צו ערפילן די אויפגאבע אין אזא שפעטער שעה, ווען די זון פון ערב שבועות האט שוין געהאלטן נאנט ביים אונטערגיין. דער בחור'ל האט זיך נישט פארזוימט, ער איז ארומגעגאנגען פלינק איבערן שטאט, געקליבן הערליכע בלומען און בלעטער, וואס די קינדער האבן נישט עספיעט אויסצורייסן.

גאנץ ערב שבועות האט ער דורכגעאקערט די גאסן און גערטנער פון סאטמאר, געשפרינגען, געשניטן, אפגעריסן, זיך צעקראצט און זיך פארשמוצט. ענדע ווען דער טאג איז פארביי, א האלבע שעה פארן זמן, איז ער אנגעקומען פארשוויצט, פארשמירט, בלאטיג, אבער מיט א גרויסן אוצר: גענוג און נאך ביימער און בלומען, סיי פאר די בימה, דער עמוד און אפילו אביסל פאר די רביצין.

ער האט אלעס שנעל געשוירן, אויפגעהאנגען, אויסגעשטעלט, איינגעארדנט און פארלאזט דעם בית המדרש מיט אן אינערליכע שמחה, ווען אין די לעצטע מינוט האט ער אנגעיאגט צו גיין אין מקוה און טוישן קליידער אויף יום טוב.

נאר זיינע פארשמירטע שיך האט ער נישט עספיעט צו ריין מאכן, אבער ער האט זיי כמעט נישט באמערקט, ער איז געווען איין שטיק שמחה, "יא יא, אזויווי כ'קוק אויס האב איך געקענט מאכן א טובה פארן צדיק" האבן זיינע געפילן געשטורעמט.

די חבריא קדישא האט געענדיגט דאס דאווענען, נאכדעם וואס זייערע נשמות האבן זיך געהויבן אין העכערע ספערן, מיט די הייסע תפילות בצילו פונעם צדיק, א גייסטרייכע לופט האט געהערשט אין בית המדרש, די הייליגע יחוד וואס הייבט זיך אן ביי 'ברכו' און ענדיגט זיך צומארגנס ביי 'כתר' - האט זיך שוין אנגעפאנגען, און ווער איז נאריש ארומצושמועסן פוסטע רייד אין אזא צייט. די איינציגסטע שעפשערייען וואס האבן זיך געהערט, איז געוועןווארעמע 'גוט יום טוב'ס, תהילים זאגן אדער תיקון ליל שבועות.

דער אלטער רבי, בעל שומר אמונים זי"ע, דרייט אויס זיין ליכטיגע פנים, וואס שטראלט מיטן אור פון שער החמישים, צום עולם. יעדער שטייט אין א גלייכע שורה, און מ'הייבט אן דורכגיין אל מול פני הקודש זיך צו וואונטשן א גוט יו"ט.

ס'איז געקומען די רייע פונעם יונגן משה, ער גייט דורך דעם רבי'ן, דער רבי שטעלט זיך אפ, געבט אים א דורכדרינגליכע בליק, אנגעהויבן פונעם קאפ און געענדיגט ביי זיינע פיס.

"שעמסט זיך נישט?" האט דער רבי געהויבן זיין שטימע, "מיט אזעלכע שיך קומט מען אין שול שבועות ביינאכט?"

די נעבעכדיגע שיך האבן זיך שיעור נישט צעפלאצט, פון די צענדליגער בליקן אויף זיי. דער בחור'ל האט געטוישט קאלירן, און ער איז שנעל ארויס פון בית המדרש.

'ווער ווייסט וועלכע הויכע, באהאלטענע כוונות דער הייליגער רבי האט געהאט מיטן מיר אנשרייען' האט זיינע ריינע, תמימות'דיגע הארץ געטראכט, בשעת זיין געיאגטער געלויף צו זיין אכסניא, צו טוישן זיינע שיך.

די בעכער ליגט שוין אויפן האנט פונעם רבי'ן, זיין פנים איז פארפלאמט, זיינע מחשבות זענען פאר'דביקות'ט, א שטיל-שווייגעניש הערשט אין בית המדרש, די חבורה שטופן זיך צוזאם מיט א ברודערליכע אחדות ארום דעם שולחן הטהור, יעדנ'ס אויגן פאלגן נאך יעדע תנועה וואס דער רבי געבט, און דער תמימות'דיגער בחור'ל קומט צו לויפן, פארסאפעט און פאריאגט, מיט א ריינע פאר שיך אן קיין פלעק ח"ו, און געבט אן אטעם אפ, אה... מ'האלט נאך פאר קידוש... ער גייט ארויף אויף א באנק אין דער זייט, שטעלט זיינע אויגן אויפן רבי'ן, האלט איין זיין אטעם, ווען אויפאמאל - ער ווערט שאקירט, "ס'איז אמת וואס איך זעה?!"

ער לויפט צושטורעמט אראפ פונעם באנק, שלענגלט דורך זיין וועג צווישן די באטייליגטע, קומט וואס נענטער צום רבי'ן, און געבט א גרינטליכע קוק צו זיכער מאכן אז זיינע אויגן נארן אים נישט: "יא, ס'איז דער בעכער!" מיט די אלע איינקריצן און שניצערייען! יא, הונדערט פראצענט, ער קען עס נישט גלייבן, ס'איז מיין בעכער!

"דער רבי האט אנגענומען די מתנה וואס כ'האב אים געגעבן לעצטע פורים פאר משלוח מנות, פון מיין אפגעשפארטע געלט. ס'איז דאס ערשטע מאל וואס דער רבי נוצט עס".

ער איז זיכער אז ס'ליגט א טיפערע כוונה דערין. דער רבי מיינט דא עפעס. ס'איז א געוויסע הסכמה אים אנצונעמען אלס תלמיד. זיין הארץ איז פול מיט פרייד, א טרער פון גליק גליטשט זיך אויף זיין בעקלע.

דער רבי, וואס איז געווען איינגעהילט אין זיינע מחשבות, האט פלוצלונג אויפגעהויבן זיינע אויגן, באמערקט ווי דער בחור'ל שטייט נעבן אים, א שמייכל האט זיך אויסגעשפרייט אויף זיין הייליגן פנים, און ער האט געזאגט: "דער תלמיד האט נישט מהרהר געווען נאך מיר, וועט ער אייביג בלייבן אנגעקניפט אין מיר...!"

משה איז געווארן רויט פון התרגשות און פון בושה, ער האט זיך איילנדיג פארשלונגען צווישן דעם עולם, ווען א שטראם טרערן פון פרייד שווענקט זיין פנים. "יש קונה עולמו".

חסידי תולדות אהרן וואס האבן זיך געדרייט ארום דעם געהויבענעם געשטאלט פונעם חסיד, ווענעמ'ס גאנצער וועזן איז געווען איין שטיק התקשרות און ביטול פאר זיינע רבי'ס, מיט מושגים פון אמאליגע חסידים, דאס מיינט מען רבי משה שטערן ז"ל, האבן געזען א פארווירקליכונג פונעם אלטן רבינ'ס ווערטער.

אזויווי יבדלחט"א רבינו שליט"א האט זיך אנגערופן ביי די לויה: "מ'זעט היינט נישט אזא התקשרות...".

מקור: ווי דער שרייבער האט עס געהערט פון ר' משה ז"ל וואס האט עס דערציילט מיט גלאנציגע אויגן. (און ווי ס'איז דערציילט געווארן פארנט פון מיטה דורך זיין אייניקל ע"פ צוואתו).

# כ' סיון

## וואס איז דער שייכות פון כ' סיון מיט יום הכיפורים?

### שאלה:

כ'וויל פארשטיין וואס איז כ' סיון? פון איין זייט, ווערט עס דערמאנט אין די פוסקים אלס א יום תענית, אויף די רציחות פון ת"ח ות"ט, און פון די צווייטע זייט, זאגט דער הייליגער אפטער רב זי"ע אז די השפעה וואס מ'גייט באקומען יום כיפור ווענדט זיך אין וויאזוי מ'פירט זיך אין דעם טאג, און אז ס'איז מרומז אין פסוק "יד על כ"ס ק"ה", וואס איז ראשי תיבות כ' סיון יום הכיפורים. וואס איז די שייכות צווישן כ' סיון און יום כיפור, און וואס איז אונזער עבודה אין אזא טאג?

### תשובה:

## די פשטות: צער השכינה

**לאמיר צוערשט אנרירן די חלק התענית פון כ' סיון.**

ס'איז באקאנט, אז כ' סיון איז געווארן מתוקן נאך גזירות ת"ח ות"ט, נאכדעם וואס דער רשע חמילניצקי און זיינע קאזאקן ימ"ש האבן אומגעברענגט צוויי דריטל פון יהדות פולין (וואס האט דעמאלטס אריינגענומען כמעט גאנץ מערב אייראפע) אויף די שוידערליכסטע וועגן, ה' ינקום דמם. די 'ועד ארבע ארצות' האט מתקן געווען א תענית אום כ' סיון, ווען אין דעם טאג האבן די רוצחים אויסגע'שחט'ן טויזנטער אידן (צווישן זיי דער הייליגער רבי יחיאל מנעמירוב זי"ע הי"ד מיט זיין קהילה). אבער די תענית איז בכללות אויף די רציחות פון ת"ח ות"ט.

**די פשוט'ע באדייט פון דעם תענית איז,** מיטצושפירן די צער השכינה וואס קלאגט "קלני מראשי קלני מזרועי" ווען ס'גיסט זיך אידיש בלוט, איבערהויפט פון צדיקים (סנהדרין פ"ו מ"ה), ווי אויך די צער פון אזויפיל טויזנטער אידן אנשים, נשים וטף וואס זענען אומגעקומען מיט די ערגסטע מיטלען. ס'איז נישטא קיין גרעסערער חילול ה', ווי דאס אז אנשטאט אז דער עם ה' - וואס צוליב זיי איז באשאפן געווארן די וועלט - זאל זיצן בכבודו של עולם, ווערן זיי דערנידערט ערגער ווי חיות.

די עבודת היום איז בפשטות זיך צו מצטער זיין מיטן צער השכינה, און מעורר זיין רחמי ה' אז ער זאל נקמה נעמען דם עבדיו און מרומם זיין קרן השכינה. חז"ל זאגן (תנא דבי אליהו רבה פ"ד), אז ווען א מענטש איז מיצר ומתאנח אויף כבודו של הקב"ה ושל ישראל וואס ווערט מחולל בגלות - איז ער זוכה צו רוח הקודש.

## ווען 'רע' ווערט גאר גרויס - דאס איז זיין סוף

אבער מ'דארף וויסן, אז די **פנימיות'דיגע באדייט** פון אידישע רציחות הי"ד, האט גאר אן אנדערע בליק. מיר קוקן עס אן אלס א **חורבן און חילול ה'**, אבער דער אריז"ל איז מגלה אז רציחות ישראל זענען באמת די גרעסטע **תיקון און יחוד העליון** וואס ס'איז דא. ס'ברענגט גילוי אלקות, ס'דערהייבט כבוד שמו און ברענגט געוואלדיגע השפעות.

**וואס איז פשט דערפון?** ווייל ווען 'רע' הייבט אזוי שטארק די קאפ, איז עס מעורר קנאת ה' איר צו מכניע זיין און אינגאנצן פארניכטן. ווייל די קלי' האט נישט באקומען רשות זיך צו אזוי באהערשן. אזויווי דער פסוק זאגט "עת אשר שלט האדם באדם לרע לו", און דער אריז"ל איז מבאר אז דאס איז ווען דער אדם דקליפה איז שולט אויפן אדם דקדושה - דעמאלטס איז 'לרע לו' פאר די קלי', און דער אויבערשטער ברענגט זיי אונטער, און די גאנצע בריאה ווערט אויסגערייניגט פון כוחות הקלי' און מסכים המבדילים.

קומט אויס, אז דא, ווי רע האט געהאט אזא גרויסע און שרעקליך אכזריות'דיגע שליטה, און ס'איז געווארן אזא חילול ה' און חילול עם ה' - אבער דווקא דערפאר ברענגט איר דער אויבערשטער אונטער און איז מזכך די בריאה. בסך הכל פארדינט די צד הקדושה דערפון. נאך מער; ס'איז מבואר אין אריז"ל אז ס'ווערט דעמאלטס די גרעסטע יחוד, וואס געשעט נישט אפילו ווען מ'איז מקיים די גאנצע תורה ומצוות.

און דאס איז די פנימיות פון די נקמה אויף וואס מיר בעטן כסדר "נקום נקמת דם עבדיך": **אז אלס תוצאה פון רציחות ישראל רח"ל, זאל די רע נכנע ווערן און ס'זאל נתגלה ווערן די טוב.**

טאקע בפשטות איז 'נקמה' **'נאך' א שלב**, וואס מיר בעטן דעם אויבערשטן זאל מכניע זיין די רע אלס **אנטווארט** אויף די רציחות רח"ל. אבער פנימיות'דיג איז נקמה **א חלק** פון די רציחות אליינס, ס'איז א דירעקטע **תוצאה** דערפון. ווייל די עצם רציחות ברענגט נקמת ה', נאר מיר בעטן אז די נקמה זאל נתגלה ווערן לעין כל, ד.ה. די תיקונים און השפעות וואס די נקמה טוט שאפן - זאלן נתגלה ווערן.

ווי ס'איז מבואר אין חז"ל, אז 'נקמה' איז גאר א הויכע גילוי, אזויווי ס'שטייט "גדולה נקמה שניתנה בין שני שמות - קל נקמות ה' קל נקמות הופיע". ווייל ווי געזאגט, דער ענין ברענגט די מערסט געהויבענע גילוי שמו ית'.

## ס'ווערט נגתלה די 'עצמיות הקשר'

**ס'איז אבער פארהאן דא א טיפערע עומק.** ווייל מעשי רציחות ברענגען נישט נאר אן ענין פון **הכנעת הרע**, נאר אויך א **גילוי הטוב** אויפן העכסטן פארנעם. די יחוד העליון וואס ווערט אין אזא צייט, איז צוזאמגעשטעלט פון די צוויי.

ווייל ס'איז נישט נאר נכנע געווארן די רע וואס האבן געוואלט אויפהייבן די קאפ, נאר אויך די חלק הטוב האט זיך אנטפלעקט מיטן גאנצן שיינקייט - דאס מיינט די נשמה האלקית פון דעם גע'הרג'עטן איד, וואס האט אוועקגעגעבן זיין גאנצע מציאות אויפן מזבח ה'. פארשטייט זיך אז ס'איז דא אסאך מדריגות דערין, געוואנדן אין ווי חשוב דער נרצח הי"ד איז געווען, ווי אויך ווי ריין זיין כוונה ביים זיך מוסר נפש זיין איז געווען. אבער אפילו די פשוט'סטע מדריגה, ווען א איד איז מקריב זיין גאנצע חיות און מציאות, נאר ווייל ער איז א איד - איז דאס די גרעסטע גילוי הטוב וואס ס'איז דא. ס'שרייט ווי שטארק ער איז מאוחד און מיוחד מיטן אויבערשטן, ער האט נישט קיין אנדערע מציאות אויסער השי"ת אליינס. "כי עליך הורגנו כל היום"!

אט דער גילוי איז א גילוי **עצמי** פון קדושת ישראל. ווייל דער נרצח האט איבערגעגעבן זיין גאנצע **זיך** און אויסגערופן אז ער געהערט נאר פארן אויבערשטן, אוועקגעלייגט אלע חשבונות, רצונות און הנאות, און געשריגן: כ'האב נאר דעם חיי החיים, און כ'האב נישט קיין אנדערע מציאות אויסער מיין אמונה בה', אן דעם אויבערשטן האב איך נישט קיין קיום. דערצו האט ער צוגעלייגט אזויפיל יסורים צו דעם - וואס האט נאך מער מגלה געווען אז ס'גייט אים נאר אן כבוד ה'.

דאס איז די מורא'דיגע יחוד און גילוי וואס ס'ווערט אין אזא צייט, ווייל דורכדעם ווערט אויך נתגלה **די קשר העצמי פון קוב"ה וישראל**, אז א איד איז מקושר צום אויבערשטן עצם'דיג, מיט זיין גאנצע מציאות און מהות און ס'מאכט נישט אויס אין וועלכע מצב ער געפונט זיך - זיין מציאות איז א מציאות פון חלק אלוק ממעל. דערביי ווערט נתגלה **אור עצמותו ית'** אין אידישע הערצער, זיי אנערקענען און שפירן אמתיתות מציאותו ית' און זיי דארפן נישט קיין גילויים און השכלות, ווייל זיי שפירן זיין עצם מציאות.

דעריבער "הרוגי לוד אין כל בריה יכולה לעמוד במחיצתם", ווייל כאטש ס'ווערט דארט מבואר אז זיי זענען געווען זייער פשוט'ע מענטשן, אבער דורכדעם וואס זיי האבן מקריב געווען זייער גאנצער זיך פאר יחוד ה', האט דאס מגלה געווען זייער קשר עצמי מיטן אויבערשטן, און דערביי מגלה געווען די גרעסטע יחוד.

## די עבודה פון כ' סיון איז די השפעה פון יום הקדוש

**דעריבער פארשטייט מען פארוואס כ' סיון האט מיט יום הקדוש - ווייל ס'איז איין ענין.** דער גאנצער ענין פון יום כיפור איז, אז ס'ווערט דעמאלטס נתגלה עצם קדושת ישראל, דאס מיינט די קשר עצמי צווישן קוב"ה וישראל, אין יענע פלאץ וואו קיין שום עבירה קען נישט מפריד זיין צווישן זיי, און דעריבער ווערן אלע חטאים נתבטל, ווייל זיי האבן נישט קיין פלאץ. דאס ווערט אויך דורכ'ן ענין פון 'מסירת נפש', וואס איז א בחי' פון 'תשובה עילאה', וואס דורכדעם וואס מ'קערט זיך צוריק און מ'געבט איבער דעם גאנצן זיך פארן אויבערשטן - ווערט נתגלה אט די קשר.

דעריבער איז כ' סיון א הכנה צום יום הקדוש, ווייל מ'דארף וויסן אז דער אריז"ל איז מגלה, אז די יחוד העליון וואס ווערט ביי רציחות רח"ל, איז נישט נאר 'לשעתו' נאר 'לדורות'. מכח די נרצחים הי"ד, ווערן אלע יחודים און בירורי ניצוצין במשך אלע דורות.

דער אריז"ל איז מגלה, אז נאכן חורבן בית שני זענען אלע שערים געווען פארהאקט און ס'האט כמעט מער נישט געקענט אראפקומען קיין שפע אלקי למטה, ביז ס'איז געשען די מעשה נורא מיט די עשרה הרוגי מלכות, רבי עקיבא וחביריו, וואס זענען געווען אויסטערליש הויכע נשמות אין וואס די י"ב שבטי קה האבן זיך מתלבש געווען, און זיי זענען געווען די שרשים פון אלע נשמות ישראל, און אויך זייערע גופים זענען געווען מורא'דיג הייליג - און די רע האט זיך מתגבר געווען אויף אזעלכע הייליגע נשמות און גופים, זיי אומגעברענגט אויף קידוש ה' בקדושה ובטהרה - דאס האט מעורר געווען א מורא'דיגע יחוד עליון למעלה, און ביז היינט ווערט נתגלה אלקות און גוטע השפעות מכח יענע הריגה רח"ל. אזוי אויך אלע הרוגים על שם קדשו ית', יעדער לויט זיין דרגה.

אויסער אלע השפעות וואס קומט דורכדעם ביז היינט, איז יעדעס מאל מ'דערמאנט די עקידות און מ'איז זיך מתחבר צו די פנימיות דערפון - ד.ה. מ'געבט איבער די גאנצע עצמיות פארן אויבערשטן אן קיין חשבונות, און מ'איז זיך משתוקק דערצו - ווערט נאכאמאל דער יחוד העליון וואס ס'איז דעמאלטס געווען. ווייל ס'ווערט נתעורר, אז דאס וואס איז קלאר ביי אונז אין הארץ אז מיר זענען גרייט זיך צו מוסר נפש זיין פארן אויבערשטן, איז אמת אזויווי ס'איז שוין טאקע אמאל געשען, און דאס שאפט נאכאמאל דעם יחוד.

דער אריז"ל זאגט, אז יעדן טאג ווען מ'זאגט "קל נקמות ה' קל נקמות הופיע", זאל מען אינזין האבן די צדיקים וואס זענען גע'הרג'עט געווארן על קידוש ה', ווייל אזוי איז מען נאכאמאל מעורר דעם יחוד עליון.

## עבודה פון מסירת נפש

פון דא פארשטייט זיך, אז די **פנימיות'דיגע** עבודה פון כ' סיון - אויסער די פשוט'ע עבודה זיך צו מצטער זיין מיט צער השכינה און זיך משתוקק זיין צו גילוי כבודו ית' - איז צו דערמאנען און מעורר זיין די מסירת נפש וואס אונזערע זיידעס האבן געהאט דורכאויס די דורות על קדושת שמו ית', און דערביי גיין אין זייערע וועגן צו מעורר זיין אן אמת'ע מסירת נפש אין אונזער הארץ, זיך מתחבר זיין און אויסקוקן איבערצוגעבן אונזער גאנצער זיך פארן איינציגן באשעפער, "בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך", זיך אריינווארפן אין פייער, ווערן גע'שחט'ן, פארשטיינערט און דערשטיקט פאר כבוד שמו, און פארשטייט זיך, אויך 'לעבן' מיט מסירת ה', ד.ה. זיין מחובר צום אויבערשטן אן קיין חשבונות.

דורכדעם זענען מיר מעורר דעם געהויבענעם יחוד העליון, וואס ווערט נתגלה בשלימות אום יום כיפור (וואס דערפאר דערמאנט מען דעמאלטס די עשרה הרוגי מלכות), וואס דעמאלטס ווערט נתגלה אור עצמותו ית', און די 'עצמיות' פון כלל ישראל - וואס איז אינגאנצן דבוק מיט א קשר עצמי צום אויבערשטן, ביז די רע ווערט נכנע און מ'איז זוכה צו כפרת עוונות און הזדככות העלמות, מ'איז זוכה לראות באור פני מלך חיים. דאס אלעס איז א תוצאה פון 'תשובה עילאה' און מסירת נפש און די עבודה פון כ' סיון.

מיר האבן מרחיב געווען דעם ענין, ווייל ס'ווערט נישט קיין סאך מבואר אין ספרי חסידות, נאר ס'שטייט מרומז דא און דארט. אבער אויב ווילסט זיך מער אויסברייטערן דערין, זאלסטו לערנען די הייליגע ספרים וואס רעדן דערוועגן: 'שער התפילה' מבוא השער, 'דרך מצוותיך' מצות קידוש ה', און 'תפארת שלמה' פרשת בראשית.

**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: **347.452.3118** אין וויליאמסבורג: **347.768.3577** אין בארא פארק: **347.520.8743**
אימעיל DD0722531385@gmail.com | **תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483**